בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת עקב, מברכים חודש אלול, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע"א,

ביים באטע און שלש סעודות

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט״א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

## ירושלים
רח׳ רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח׳ ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח׳ משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח׳ ריב״ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח׳ רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח׳ המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח׳ צהל 1
**050-412-6101**

צו באקומען וועכנטליך
**דעם ספר,**
**ביטע שרייבט צו:**
smbreslev1212@gmail.com

בעזרת השם יתברך

ספר

# אשר היה אל יואל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת עקב, מברכים חודש אלול, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע"א,

ביים באטע און שלש סעודות

# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןְ אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א. פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת בְּעִנְיַן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

## יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז אַ קְלֵיינִיגְקֵייט

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל", אוּן יֶעצְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ", וָואס בֶּעט דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דִיר? "כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ", נָאר צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין בַּאשֶׁעפֶער, "לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו", צוּ גֵיין אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן, "וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ", אוּן אִים לִיבּ צוּ הָאבְּן, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", אוּן אִים דִינֶען מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן דַיין גַאנְצֶע זֶעל.

דִי הֵייליִגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת לג:): "אָטוּ יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא?" צִי דֶען אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רוּפְט עֶס אָן 'נָאר צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "וְהָאָמַר רַבִּי חֲנִינָא מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי: אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּבֵית גְּנָזָיו אֶלָּא אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר יִרְאַת ה' הִיא אוֹצָרוֹ", רֶבִּי חֲנִינָא הָאט דָאךְ נָאכְגֶעזָאגְט אִין נָאמֶען פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי אַז יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז דֶער טֵייעֶרְסְטֶע אוֹצָר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "וָואס בֶּעט אִיךְ שׁוֹין פוּן דִיר? אִיךְ בֶּעט 'נָאר צֶען מִילְיָאן דָאלֶער' פַאר דִי מוֹסְדוֹת!" עֶנְטְפֶערְן דִי הֵייליִגֶע חֲכָמִים: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא", יָא, לְגַבֵּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט. "דְּאָמַר רַבִּי חֲנִינָא: מָשָׁל לְאָדָם שֶׁמְּבַקְּשִׁים מִמֶּנּוּ כְּלִי גָּדוֹל", עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען בֶּעט אִים צוּ פַארְבָּארְגְן אַ גְרוֹיסֶע כֵּלִי, אָדֶער אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט וִוי מִילְיָאן דָאלֶער, "וְיֵשׁ לוֹ - דּוֹמֶה עָלָיו כִּכְלִי קָטָן", אוּן עֶר הָאט עֶס, אִיז עֶס אִים אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ פַארְבָּארְגְן. "קָטָן, וְאֵין לוֹ - דּוֹמֶה עָלָיו כִּכְלִי גָּדוֹל", וִוידֶער אוֹיבּ הָאט עֶר עֶס נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶס זָאל זַיין אַ קְלֵיינֶע כֵּלִי וִוי אַ הַאמֶער וְכַדוֹמֶה - אִיז עֶס אִים אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ. בַּיי

אַ צַדִיק, בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, דֶערְפַאר רוּפְט עֶר עֶס אָן אַ קְלֵיינִיגְקֵייט.

בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ קַשְׁיָא (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפָּרָשָׁה) בְּשֵׁם זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: צוּ וֶועמֶען רֶעדְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר רֶעדְט דָאךְ צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער! אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ נֵייעֶר פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא, דִי גְמָרָא מֵיינְט נִישְׁט "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", לְגַבֵּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן אַ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְּתָא זוּטְרְתָּא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט.

אָן אַ צַדִיק קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, דֶער צַדִיק וַוייזְט אוּנְז אַז לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא (דְּבָרִים ל, יב), אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, יֶעדֶער קֶען עֶס בַּאקוּמֶען.

## דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט עֶס נִישְׁט שְׁוֶוער!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה פוּן אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז דֶער בָּחוּר גֶעגַאנְגֶען שָׁלוֹם נֶעמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעוָואלְט מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט, הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט: "דוּ הָאסְט הֲנָאָה פוּן דִי יְשִׁיבָה?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "יָא", פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייטֶער: "הָאסְט לִיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה", פְרֶעגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "פַארְוָואס?" הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט אִידִישְׁקֵייט גְרִינְג", זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "נֵיין! אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעשְׁמַאק, דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט עֶס נִישְׁט שְׁוֶוער!"

## אִידִישְׁקֵייט אִיז זֵייעֶר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ

אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט דוּ זָאלְסְט נָאר טוּן דָאס אוּן דָאס, אִידִישְׁקֵייט אִיז זֵייעֶר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ! ווּי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה לב ע"א וע"ב) וֶוער זָאגְט אַז

"**כַּפֹּת תְּמָרִים**" (וַיִּקְרָא כג, מ) אִיז אַ לוּלָב, אֶפְשָׁר מֵיינְט דִי תּוֹרָה מִיר זָאלְן נֶעמֶען פַּאר כַּפֹּת תְּמָרִים אַ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע בְּלֶעטְל? אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער זָאגְט אַז "**וַעֲנַף עֵץ עָבֹת**" (שָׁם) אִיז הֲדַסִּים, אֶפְשָׁר אִיז עֲנַף עֵץ עָבֹת אַן הִירְדוֹף – אַ דָארְן בְּלֶעטְל? זָאגְט דִי גְמָרָא עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, וַוייל (מִשְׁלֵי ג, יז): "**דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם**", דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע וֶועג; אִיז זִיכֶער נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי זַאכְן אִין דִי הֶענְט אוּן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן.

## הִיטְן שַׁבָּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ!

דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן ווייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, אִיז וַוייל מֶען מַאכְט זִיךְ אַליין שְׁוֶוער, מֶען לֵייגְט צוּ מֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט. אִידִישְׁקֵייט אַליינְס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ; הִיטְן שַׁבָּת אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ! אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפְן דֶערְפוּן, זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ טֶעלֶעפָאוֹן, מִיט אַ צִיגַארֶעטְל אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

גֵיי זָאג פַּאר אַ גוֹי אַז דִי אִידְן הָאבְּן אֵיין טָאג אִין וָואךְ וָואס מִיר רוּעֶן, מִיר טוּעֶן גָארְנִישְׁט, נִישְׁט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין צוּ דִי אַרְבֶּעט אָבֶּער מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ פַארֶערְכְטְן דִי הויז אַזוֹי ווִי דִי גוֹיִם טוּעֶן, זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען אִין זֵייעֶר וִויקֶענְד (סוֹף וָואךְ) צוּ פַארֶערְכְטְן דִי הויז. גֵיי דֶערְצֵייל זֵיי פוּן דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן אַז מִיר הָאבְּן אֵיין טָאג אַ וָואךְ 'מִשְׁפָּחָה צַייט', מֶען זִיצְט מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן פִירְט אַלֶעס.

דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פַּאר זִיךְ, מֶען רֶעדְט וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מֶען אִיז דָבוּק אִין צַדִּיקִים, מֶען גְלֵייבְּט אִין צַדִּיקִים, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען ווִי גְרִינְג אִידִישְׁקֵייט אִיז, דֶעמָאלְט אִיז יִרְאָה מִילְתָא זוּטַרְתָּא. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "**מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל**", וָואס דַארְף דֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר 'דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען'.

## אֱמוּנָה גֶעבְּט לֶעבְּן

דָאס טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק דָאס פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאקְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְקֶערְט, דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט עֶר מֶער כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקְקֵייט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט קְרַאנְק אִין שְׁפִּיטָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אוֹיבּ הָאט עֶר אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט דָאס אִים כֹּחַ עֶר זָאל קֶענֶען קֶעמְפְּפְן זַיין קְרֶענְק.

[מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס קֶען מֶען זֶען אֲפִילוּ לְהַבְדִיל בַּיי דִי גוֹיִם, אַ גְלוֹיבִּיגֶער גוֹי, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואס עֶר גְלֵייבְּט, וֶועט עֶר גְרִינגֶער קֶעמְפְּפְן זַיין קְרֶענְק, וַוייל עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אוֹיףְ וָואס אַרוֹיס צוּ קוּקְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע קְנַאקֶער, עֶר פִירְט גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן פַארְדִינְט אַסַאךְ גֶעלְט, וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט דוּרְכְמַאכְן]. אֱמוּנָה גֶעבְּט לֶעבְּן, אֱמוּנָה מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען דוּרְךְ טְרָאגְן שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

## וֶוער אָטֶעמְט אִין דִיךְ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסוּרִין חַס וְשָׁלוֹם, פַארְלָאזְט עֶר זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר.

אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיגְן וָואס זֶעעֶן, אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן, אַלֶע חֲכָמִים וָואס רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דִי בְּרִיאָה, זֶענֶען אוֹיךְ מוֹדֶה אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֶעס, אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט בִּיז אַהֶער, אַ צְוֵוייטֶער פַארְשְׁטֵייט נָאכְמֶער, אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעס, וֶוער גֶעבְּט דִיר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען? וֶוער אָטֶעמְט אִין דִיךְ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרְשַׁת פִּנְחָס, דַף רמה:): "אֲוִיר",

לופּט, איז די אוֹתִיוֹת "אוֹר י"", לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל ווילַאנְג עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר אִיז גֶעלוּנְגֶען וְכוּ', אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער ווי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַאלְט עֶר חַלָשׁוּת.

## יֶעדֶעס וָוארְט מַאכְט שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ רֶעד נָאךְ אַ וָוארְט, אִיךְ רֶעד נָאךְ אַ וָוארְט, מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "**אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי**", ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אִיךְ קֶען אִים בֶּעטְן

אַ מֶענְטְשׁ וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חַיָיו חַיִּים, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים אַ לֶעבְּן, וַוייל וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט עֶס אוּן אִיךְ קֶען אִים בֶּעטְן, "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף קִינְדֶער**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ עֶנְקְזַייעֶטִי, אִיךְ הָאבּ פְּחָדִים**".

אַ בָּחוּר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ**", אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף פַּרְנָסָה, בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה**".

דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, זָאג עֶס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין גוּט**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל**

עוֹלָם אִיךְ וויל דַאוָוענֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל הִיטְן שַׁבָּת", בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט.

## דוּ קֶענְסְט עֶס הָאבְּן בְּחִנָּם!

מֶענְטְשְׁן צָאלְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער זִיךְ אוֹיסְצוּוֶערְדְן זֵייעֶר הַארְץ פַאר מֶענְטְשְׁן, מֶען בֶּעט זִיךְ: "הֶער מִיךְ אוֹיס, אִיךְ הָאבּ דִי מַחֲשָׁבָה אוּן דִי מַחֲשָׁבָה..." - דוּ קֶענְסְט עֶס הָאבְּן בְּחִנָּם! הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אַרַיין אִין אַ צִימֶער וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הֵייבּ אָן רֶעדְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, לֶעצְטְנְס לוֹיפְן מִיךְ נָאךְ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז 'אֶפְשָׁר פִּיל אִיךְ נִישְׁט גוּט', 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ עֶפֶּעס אַ מַחֲלָה', אִיךְ בַּאקוּם דֶערְפוּן עֶנְקְזַייעֶטִי אוּן פְּחָדִים". דָאס קֶען פַּאסִירְן בַּיי דִי גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן צוּ דֶעם, עֶפֶּעס לוֹיפְט נָאךְ אִין מֹחַ, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת צֶעדְרוּקְן דֶעם מֹחַ, דִי עֵצָה אִיז: רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

## אֱמוּנַת חֲכָמִים

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס הֵייסְט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', אֱמוּנַת חֲכָמִים מֵיינְט אַז אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט, אַז דֶער צַדִּיק זָאגְט אַזוֹי, טוּ אִיךְ אַזוֹי. אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי מִיט מַיין שֵׂכֶל אַז אִיךְ בִּין אַ פֶּעלֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אָבֶּער דֶער צַדִּיק זָאגְט מִיר: קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי. אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט דִי וָואךְ (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ", זָאגְט רַשִׁ"י: "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל - אַף עַל פִּי שֶׁעֲשִׂיתֶם כָּל זֹאת, עוֹדֶנּוּ רַחֲמָיו וְחִבָּתוֹ עֲלֵיכֶם, וּמִכָּל מַה שֶׁחֲטָאתֶם לְפָנָיו אֵינוֹ שׁוֹאֵל מִכֶּם כִּי אִם לְיִרְאָה וְגוֹ'", כָאטְשִׁיג דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דִי רַחְמָנוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַלְץ בַּיי דִיר, עֶר הָאט דִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע זִינְד, אוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער פַארְלַאנְג נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֵיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן, נָאר צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מֶען לֶערְנְט דָאס אַרוֹיס פוּנֶעם וָוארְט "וְעַתָּה", וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּרֵאשִׁית יא, ו). פַארְוָואס אִיז 'וְעַתָּה' אַ לָשׁוֹן

תְּשׁוּבָה? זֵייעֶר פָּשׁוּט, וַוייל דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, 'וְעַתָּה' - אִיךְ הֵייבּ אָן 'פוּן יֶעצְט' צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען.

## דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען פַּסְקְ'נְט יָא אַזוֹי

אִיךְ הָאבּ אֱמוּנַת חֲכָמִים, לוֹיט מַיין שֵׂכֶל בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר נֶעם אַ חוּמָשׁ, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, זַיי גוֹרֵס דִי וֶוערְטֶער, זָאג דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבּוֹר", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט.

עֶס טוּט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶעם אִין דִי פּוֹסְקִים צִי מֶען פַּסְקְ'נְט אַזוֹי, דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נ, סְעִיף קָטָן ב') מַאכְט אַ חִילוּק צְוִוישְׁן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אַז נָאר בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אִיז מֶען יוֹצֵא וֶוען מֶען לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטַאנְד, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב שְׁטֵייט (הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק ב', י, יג) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן דוּרְךְ זָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זַיין נְשָׁמָה. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען פַּסְקְ'נְט יָא אַזוֹי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן, אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין

פַארְשְׁטֵיין.

## אֵיין טָאג עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס...

אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז דִי וָואךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן זַיין טַאטֶע אִין שְׁפִּיטָאל, עֶר זָאגְט מִיר: עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז דִי לֶעבְּן, ווִילַאנְג מֶען אִיז יוּנְג פִילְט מֶען אָן דֶעם טָאג מִיט אַרְבֶּעט, אָבֶּער אֵיין טָאג עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס, דִי שְׁפֶּעטְסְטֶע צַייט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נָאךְ אַרַיין אַרְבֶּעטְן אִיז בַּיי דִי זֶעכְצִיג זִיבֶּעצִיג יָאר, נָאכְדֶעם וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַזוֹי לַאנְגְוֵויילִיג, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, עֶר זִיצְט מִיט זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

## דָאס פָּנִים שַׁיינְט אוּן לַייכְט

אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, מַיין עֶלְטֶער זֵיידֶע הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי אַיְיזִיק רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבְ׳עֶר אִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיידוּנְג גֶעשֶׁעפְט אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר אוּן זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען בַּעֲלֵי בַּתִּים, זַיין זוּן - מַיין זֵיידֶע, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ גְמָרָא אוּן אַ מִשְׁנַיוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער חוֹזֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען דִי בַּטְלָן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט קַיין גֶעלְט, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א דֶערְצֵיילְט מִיר ווִי זֵיי הָאבְּן אַלְס קִינְד מַמָשׁ גֶעהוּנְגֶערְט אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט. יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, יֶעדֶער אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, אַלֶע הָאבְּן גֶעדַארְפְט אָפְּלָאזְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אוּן נָאר מַיין זֵידֶע אִיז וַוייטֶער גֶעזִיצְן מִיט זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעשַׁיינְט אוּן גֶעלָאכְטְן, וָואס אַ טָאג עֶלְטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן פְרִישֶׁער אוּן פְרִישֶׁער!

## צֵיילְן דִי שְׁטָאטִישֶׁע בָּאסֶעס

דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קֶען מֶען טוּן אִין דִי

יוּנגֶע יָארְן אוּן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ זַאךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם מַאכְן גֶעלְט צוּם לֶעבְן, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן פַּאר אַ פְּיוּטְשֶׁער (צוּקוּנְפְט), פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפּ נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אִין טָאג אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת?! דָאס אִיז דֶער פְּיוּטְשֶׁער, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ זִיצְן אוֹיפְ׳ן פָּארְטְשׁ (בַּאלְקָאן), וָואס גֵייסְטוּ דֶעמָאלְט טוּן, אִין שְׁטָאט קֶען מֶען זִיךְ כָאטְשׁ אַוֶועק שְׁטֶעלְן בַּיים פֶּענְסְטֶער אוּן צֵיילְן וִויפִיל שְׁטָאטִישֶׁע בָּאסֶעס פָארְן דוּרְךְ, וָואס קֶען מֶען אָבֶּער טוּן אִין שְׁטֶעטְל?...

מֶען קֶען זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַן אַיינְשְׁטַאלְט וואוּ עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֵוילְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען זֶעט וִוי מֶען פִירְט אַרוֹיס וֶועגֶעלֶעךְ מִיט עֶלְטֶערֶע גוֹיִם אוֹיפְ׳ן גַאס, זֵיי זִיצְן אוּן קוּקְן זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי פֵייגְלֶעךְ וָואס פְלִיעֶן אַרוּם, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן... אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזֶעסְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר דָאס אוֹיךְ טוּן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

## אוֹי וֶועט עֶס זַיין אַ מְחַיֶה!

יֶעצְט קֶען אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אִינְדֶערְהֵיים, אַז אִיךְ עֶפְן מַיין מִשְׁנָיוֹת דַארְף אִיךְ עֶס גְלַייךְ פַארְמַאכְן, וַוייל דֶעם קִינְד דַארְף מֶען בָּאדְן אוּן דֶער קִינְד אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן בֶּעט... שְׁטֶעל אִיךְ זִיךְ אַלְץ פָּאר, אֵיין טָאג וֶוען אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, אִיךְ וֶועל זַיין ׳זֵיידִי רוֹטְה׳ וֶועל אִיךְ זִיצְן אוֹיפְ׳ן פָּארְטְשׁ מִיט מַיין מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ וֶועל זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוֹי וֶועט עֶס זַיין אַ מְחַיֶה! מִיטְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז אַ מְחַיֶה דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. מֶען קֶען אָבֶּער נִישְׁט דֶעמָאלְט אָנְהֵייבְּן, מֶען דַארְף דָאס שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן, נֶעם יֶעצְט אַ מִשְׁנָיוֹת זָאג נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, נָאךְ אַ דַף גְמָרָא אוּן נָאךְ אַ דַף גְמָרָא.

## דוּ הָאסְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז?!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס זֵייעֶר מָאדֶנֶע, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אַלֶעמָאל: וָואס הֵייסְט, אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט סְתַּם דִי וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ דָאךְ נִישְׁט קֶענֶען וֶוערְן קַיין דַיָין?! - לָאמִיר פַארְשְׁטֵיין, דוּ וָואס דוּ לֶערְנְט יָא מִיט פַארְשְׁטַאנְד בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ דַיָין?!

אַמָאל זֶעט מֶען אַ מֶענְטְש וָואס לָאזְט זִיךְ וואוּיל גֵיין, עֶר קוֹיפְט זִיךְ יֶעדְן טָאג, דְרֵיי מָאל אַ טָאג קַאוֶוע פוּן גֶעשֶׁעפְט אוּן אַ דֶעינִישׁ, זָאגְט אִים זַיין חָבֵר: "אַ שָׁאד, רֶעכְן צוּזַאם ווִיפִיל גֶעלְט דוּ גֶעבְּסְט אוֹיס אַ יָאר; אַ קַאוֶוע קָאסְט צְוַויי דָאלֶער, דְרֵיי קַאוֶועס אַ טָאג קוּמְט שׁוֹין אוֹיס זֶעקְס דָאלֶער, אַ דֶעינִישׁ קָאסְט נָאךְ צְוַויי דָאלֶער, אִיז שׁוֹין צוּזַאמֶען אַכְט דָאלֶער אַ טָאג, לֵייג צוּ נָאךְ דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג מָאל אַכְט דָאלֶער – לוֹיט ווִיפִיל טֶעג עֶס אִיז דָא אַ יָאר - נָאכְדֶעם לֵייג אוֹיךְ צוּ ווִיפִיל גֶעלְט דוּ גֶעבְּסְט אוֹיס פַאר צִיגַארֶעטְלֶעךְ, אַז דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְסְטוּ שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעהַאט גֶעלְט אַרָאפּ צוּ לֵייגְן פַאר אַ דַאוּן פֶּעימֶענְט פַאר אַ הוֹיז..." זָאגְט עֶר אִים צוּרִיק: "דוּ קוֹיפְסְט קַאוֶוע אִין גֶעשֶׁעפְט? - נֵיין! דוּ קוֹיפְט יֶעדְן טָאג אַ דֶעינִישׁ? - נֵיין! דוּ רֵייכֶערְסְט? - נֵיין! הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז? - נֵיין! דֶעמָאלְט וָואס זָאגְסְטוּ מִיר דֶעם גַאנְצְן פְּשֶׁעטְל, דוּ קוֹיפְסְט דָאךְ נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן אוּן דוּ הָאסְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז?!..." דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ דִיר, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן אַ דַיָּין וַוייל אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת? – אוּן דוּ?! דוּ לֶערְנְסְט דָאךְ יָא מִיט פַארְשְׁטַאנְד, דוּ בִּיסְט אַ דַיָּין?!

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם

אִיךְ מַיין נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אָוֶועק צוּ מַאכְן דָאס לֶערְנֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד, אַוַודַאי אוֹיבּ הָאסְטוּ אַ חַבְרוּתָא זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לֶערְנֶען מִיט דַיין חַבְרוּתָא, אָבֶּער מַאךְ זִיךְ אוֹיסֶער דֶעם אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גוֹרֵס זַיין אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא. דָאס קֶען מֶען טוּן יֶעדְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר הָאט אֵיינֶעם, אֵיין טָאג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם, נִישְׁט אַ וַוייבּ, נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאסְט אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הָאסְט דַיין מִשְׁנַיוֹת, דוּ הָאסְט דַיין גְמָרָא, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִיק, וֶועט יִרְאַת שָׁמַיִם זַיין אַ 'מִילְתָא זוּטַרְתָּא'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

## תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קכט):

**עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַתַּאֲוָה הַיָּדוּעַ, דְּהַיְנוּ תַּאֲוַת הַמִּשְׁגָּל, הוּא רַק מֵחֲמַת עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית. **וּצְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל עֹז לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד,** מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'לִילִי"ת' וָואס דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - וֵויינֶען. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ז, יב): "**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן ... וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית**", אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה יא, ז): '**וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה**, זָאגְט דֶער פָּסוּק: "**וְהָיָה**" - אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט: "**וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית**" – וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מח): **שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ,** וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת,** חַס וְשָׁלוֹם, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, **כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא** (זֹהַר נֹחַ דַּף עא), וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, **וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ,** דֶער

אײבּערשטער האָט דאָס פײנט.

דער יצר הרע װיל אײן זאַך, אַרײן װאַרפן דעם מענטש אין אַ דערבּיטערטקײט, אין אַ פאַרלױרנקײט, אין אַ יאוּש, כּדי דער מענטש זאָל נאָכדעם אַראָפּ פאַלן אין עבירות רחמנא לצלן. דערפאַר דאַרף מען זײן פרײליך, מיט װאָס זאָל איך זיך פרײען? אַז איך בּין אַ איד, אַז איך היט שבת. די הײליגע חכמים זאָגן (שמות רבה, פרשה כה, יב) **אם תזכו לשמר שבת מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצוות שבתורה**, װער עס היט שבת איז אַזױ װי ער היט אָפּ די גאַנצע תּורה, **ואם חללתם אותה מעלה אני עליכם כאלו חללתם כל המצוות**, און אױב חס ושלום מען היט נישט שבת – לײקענט מען בּכל התּורה כּולה; איך פרײ זיך מיט מײנע מצות און מעשים טובים װאָס איך טו, אַ מענטש װאָס איז פרײליך און אין אַ גוטע מוט, גײען אַװעק פון אים אַלע תּאוות און פאַרבּלעמען.

זאָגט דער הײליגער רבי װײטער:

**ואמר: אפלו כשנופלין לפעמים לתוך רפש וטיט**, אַפילו אַז עס האָט זיך יאָ געמאַכט, אַ מענטש איז אַרײן געפאַלן אין אַ בּלאָטע פון עבירות, **שקשה לו מאד לצאת משם**, װאָס עס איז שװער אַרױס צו גײן דערפון, געבּט דער רבּי אַן עצה: **צועקין וצועקין וצועקין!** זאָל מען שרײען און שרײען און שרײען.

**ואמר בלשון אשכנז בזו הלשון**, דער רבּי האָט גערעדט אין אידיש און רבּי נתן האָט אַלעס אַראָפּ געשריבּן אין לשון הקודש, װען עס קומט צו אַ גוטע שיחה, בּרענגט עס רבּי נתן אַראָפּ אין אידיש אַזױ װי דער רבּי האָט דאָס געזאָגט: **אין אפלו אַז מעפּלט אין אַה בּלאָטי אַרײן שרײט מען אין מע שרײט אין מע שרײט**, **והגביה ידיו קצת ולא אמר יותר**, דער רבּי האָט אױפגעהױבּן זײנע הענט און נישט געזאָגט מער.

דער רבּי געבּט אונז דאָ אַן עצה, װאָס מען זאָל טון װען מען פאַלט אַרײן אין אַ תּאוה, אין עבירות רחמנא לצלן, אַז מען זאָל שרײען צום אײבּערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האָט דאַן געזינגען דעם ניגון:

| | |
|---|---|
| ואַפילו כּשנופלין לתוך רפש וטיט, | שקשה לו מאוד לצאת משם, |
| אַסאַך מאָל פאַלט מען אַרײן אין אַ בּלאָטע אין שמוץ, | ס'שװער אַרױסצוקריכן פון דאָרט, |
| | אָבּער דער רבּי געבּט אונז אַן עצה, |

וויִ אַזוֹי מִיר זָאלְן מַאכְן אַ פְּלֵיטָה,
אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת,
ס'אִיז דָא אוֹיף דֶעם נָאר אֵיין בְּרֵירָה.
מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט,
מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט,
הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע.
הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע.

## זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווַייטֶער:

וְאָמַר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, שֶׁלְּעִנְיַן הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִין לָאָדָם בְּעִנְיָן זֶה, שֶׁדַּיָּהּ לְצָרָה בְּשַׁעְתָּהּ (בְּרָכוֹת ט:) וְלֹא יְבַלְבֵּל עַצְמוֹ כְּלָל כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה לֹא קֹדֶם וְלֹא אַחַר־כָּךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, פַארְגֶעס ווָאס אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט.

## אִיךְ פַארְגֶעס ווָאס אִיז גֶעוֶוען

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלז) בְּשָׁעַת אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זָאגְן: "הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לְדָבֵק בְּךָ", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט; ווָאס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

## דִי פִּינְטֶעלֶע אִיד!

מֶען הָאט הַיינְט גֶעבֶּענְטְשְׁט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְוֶועקְן: ווָאס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ דְרֵיי מִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר נָאר כְּדֵי אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אוּן לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט?! וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶלְטֶער, זֶעט מֶען אַיין אַז 'פַארְוָועם הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט?' אוּן 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט?!' מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִיךְ זָאל צוּלִיבּ דֶעם אַוֶועק גֶעבְּן מַיין שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב?! אַז עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ טְרַאכְטְן

'וָואס טוּ אִיךְ דָא? עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ הָאבּ דָאס עֶרְלֶעדִיגְט אוּן יֶענְץ עֶרְלֶעדִיגְט, אָבֶּער פַאר וֶועמֶען אַרְבֶּעט אִיךְ? פַארְוָואס אַרְבֶּעט אִיךְ? וָואס לוֹיף אִיךְ נָאךְ? אִיךְ לוֹיף נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת!' (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ), מַיין בַּעַל הַבַּיִת, מַיין בִּיזְנֶעס אִיז מִיר וִויכְטִיגֶער פוּן דַאוֶוענֶען?!

ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב הָאט עֶר נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן, דָאס אִיז דִי פִּינְטֶעלֶע אִיד! עֶס קוּמְט יֶעצְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, לָאמִיר זִיךְ דָאס פָארְנֶעמֶען, אִיךְ גֵיי וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן, אִיךְ פַארְדִינֶען גֶעלְט, אָבֶּער אִיךְ וֶועל יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

## דָא גֵייסְטוּ מֶעלְקְן מִילְךְ?!

עֶס אִיז דָא עַסְקָנִים וָואס מַאכְן שַׁיינֶע קַארְטְלֶעךְ חוֹזֵק צוּ מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע טֶעלֶעפָאוּן'ס אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זֵיי וַוייזְן וִוי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּם עָמוּד אוּן הַאלְט זַיין קוּ נֶעבְּן זִיךְ, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אִים: "דוּ בְּרֶענְגְט אַרַיין דַיין קוּ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?!" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "דָאס אִיז מַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף עֶס לְצוֹרֶךְ פַּרְנָסָה!" אוֹי אִיז עֶס גוּטֶע קַארְטְלֶעךְ... זֵייעֶר פַיין אַז דוּ הָאסְט אַ פַּרְנָסָה, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין דַיין קוּ אִין שׁוּל? דָא גֵייסְטוּ מֶעלְקְן מִילְךְ?! מֶעלְק דַיין קוּ אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דוּ בִּיסְט דָאךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט: דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין דַיין גַאנְצֶע אָפִּיס אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?! – וָואס הָאסְטוּ פוּן דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִילָּה אָן זָאגְן פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת, אַרְבֶּעטֶער, מֶענֶעדְזְשֶׁער יֶעדֶע מִינוּט נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט?! יֶעצְט דַאוֶוען אִיךְ, יֶעצְט גֵיי אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר, פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען דַארְף הָאבְּן אַזוֹיפִיל רַחֲמִים אַז אַלֶעס זָאל גֵיין גוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן. וֶוען אִיךְ קוּם אִין שׁוּל הָאבּ אִיךְ מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, אַז אִיךְ וִויל שְׁמוּעֶסְן וֶועל אִיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן שׁוּל אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן, אִין שׁוּל קוּם אִיךְ נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַלְוַאי זָאלְן מִיר עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, זָאל מֶען כָאטְשׁ זָאגְן ׳אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים׳, אֲבִּיסְל גְמָרָא אוּן אֲבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אֲרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען לִכְבוֹד שַׁבָּת מְבָרְכִים דֶעם נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

כולל היכל הקודש | בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# לעילוי נשמת האשה החשובה
# בריינדל ראכל בת ר׳ נפתלי צבי הכהן ע"ה

נתנדב על ידי ידידינו
מו"ה חיים זאנוויל אפפעלדארפער הי"ו